בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט
די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה
שליט"א פאר קבלת שבת, שבת קודש
פרשת תצוה, שושן פורים ה'תשפ"א

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
212-444-9191

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
212-444-9169

**חיזוק יומי**

צו באקומען די חיזוק יומי

אימעיל
chizikyomi@gmail.com

טעלעפאון מעסידזשינג
347-630-2876

## ליל שבת קודש פרשת תצוה, שושן פורים, שנת תשפ"א לפרט קטן, בעפאר קבלת שבת האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט א הערליכע דרשה פול מיט התחזקות איבער דעם ענין פון לויבן און דאנקן דעם אייבערשטן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן: מיר שטייען יעצט אין אזא הייליגע נאכט, פורים ביינאכט, עס שטייט אין תיקוני זוהר (תיקון כא, דף נז:) אז 'יוֹם כְּפּוּרִים' איז אזוי ווי 'יוֹם הַפּוּרִים'; ווען מען וויל זאגן דער איז אזוי ווי דער - "הַקָּטָן נִתְלָה בַּגָּדוֹל" - נעמט מען דעם קלענערן און מען זאגט אז ער איז ווי דעם גרעסערן, קומט אויס אז פורים איז גרעסער פון יום כיפור.

צדיקים האבן אין דעם טאג געקענט זען אלעס וואס גייט פאסירן דעם גאנצן יאר ביז דעם קומענדיגן פורים. איך געדענקט דעם לעצטן פורים ביי מוהרא"ש זכרונו לברכה, שנת תשע"ד לפרט קטן, האט ער גערעדט: "מוהרא"ש גייט שוין אוועק פון די וועלט..." "געענדיגט מיט מוהרא"ש..." וכו' וכו', מוהרא"ש האט געזען וואס גייט זיין דעם קומענדיגן יאר אז ער גייט נסתלק ווערן.

אזוי ווי עס איז איינגעפירט אין אלע קהלות יום כפור ביינאכט אז מען זאגט א 'כָּל נִדְרֵי דְרָשָׁה' צו מעורר זיין די הערצער צו תשובה טון וויל איך היינט פורים אויך זאגן א דרשה.

מורי ורבותי! מיר דארפן אלע תשובה טון אויף דעם וואס מיר דאנקען נישט גענוג דעם אייבערשטן. א מענטש דריידט זיך ארום מיט קשיות אויפ'ן אייבערשטן, 'פארוואס האט דאס פאסירט?' 'פארוואס האט יענץ פאסירט?' מען האט טענות אויפ'ן אייבערשטן 'פארוואס האב איך אזא לעבן?' וכו' וכו', דארפן מיר היינט תשובה טון דערויף,

פון היינט אפלאזן די אלע קשיות און טענות אויפ׳ן אייבערשטן, און אנהייבן קוקן אויף דאס גוטס וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז.

א מענטש כאפט נישט אויף וואס ער דארף אלץ דאנקען דעם אייבערשטן, ער כאפט נישט אז דער אייבערשטער טוט מיט אים יעדע מינוט אזעלכע גרויסע חסדים, ברוך השם איך לעב, ברוך השם איך קען אטעמען, ברוך השם איך קען גיין, וכו׳ כו׳, און אנשטאט דעם איז ער נאר פארנומען צו טראכטן פון דאס ביסל וואס פעלט אים יעצט.

די וואך איז געשען א ביטערע טראגעדיע, א קליין קינד איז געווארן אראפגעקלאפט דורך א באס און איז ליידער אוועק פון די וועלט השם ישמרינו; וואס ווייסט א מענטש וואס גייט פאסירן מיט אים דעם קומענדיגן מינוט, אדער מיט זיין ווייב און קינדער, ער איז פארנומען זיך קריגן מיט די ווייב וואו מען זאל גיין עסן די סעודות אום פורים, פון וואו ווייסטו וואס ווארט אים אפ דעם קומענדיגן מינוט, אנשטאט האבן טענות אויף יעדען איינעם הייב אן דאנקן דעם אייבערשטן, ברוך השם איך האב קינדער - דאס איז מיר געגוג, איך דארף שוין גארנישט, עס גייט מיר שוין נישט אן וואו מען גייט עסן די סעודות, ברוך השם איך לעב, מיין ווייב לעבט און מיינע קינדער לעבן.

איך האב געהערט א משל פון מיין מאמע תחי׳ אויף דעם ענין, א משפחה איז געגאנגען צום וואסער זיך אויסלופטערן וכו׳ און די קינדער האבן זיך געשפילט ביים ברעג פונעם ים מיט די זאמד, אינמיטן האט פאסירט א שרעקליכע זאך אז דער קליין קינד איז אריין אינעם וואסער און די וואסער האט אים געצויגן טיפער און טיפער ביז ער איז שוין געווען גאר טיף אינעם וואסער, מען האט אים שוין נישט געקענט ארויסנעמען, די גאנצע משפחה האט אנגעהויבן שרייען: ״וואס טוט מען דא? דאס קינד גייט שטארבן רחמנא לצלן...״ פלוצלינג האט דער אייבערשטער געהאלפן עס איז געקומען א כוואליע און געגעבן א ווארף

ארויס דעם קינד אויפ'ן טריקעניש און ער איז ברוך השם געראטעוועט געווארן פון דעם זיכערן טויט, די גאנצע משפחה האט אפגעאטעמט פון שרעק און געדאנקט דעם אייבערשטן אויף די גרויסע נס וואס דער אייבערשטער האט געמאכט אז זייער קינד איז געראטעוועט געווארן פון די וואסער, אינמיטן האט די מאמע באמערקט אז די נייע שיינע קאפעלע, וואס זי האט אים געקויפט נישט לאנג צוריק, איז געבליבן אין די וואסער, האט זי אנגעהויבן וויינען: "אזא שאד אויף מיין טייערע זיסע קאפעלע וואס איך האב אים געקויפט, יעצט איז עס פארשוועמט געווארן אין די וואסער און מען קען עס שוין נישט ראטעווען..." די מאמע איז דאך נישט מיט אלעמען, דער אייבערשטער האט דאך איר געהאלפן, איר צוריק געגעבן א קינד ממות לחיים, שטייט זי און וויינט אויף די נארישע קאפעלע?! די מעשה הערט זיך זייער מאדנע אבער מיר זענען ליידער גארנישט בעסער פון דעם, דער אייבערשטער געבט אונז דאך אזויפיל גוטס, יעדע מינוט געבט ער אונז אן א שיעור גוטס, מיר זענען געזונט און שטארק וכו', און מיר האלטן זיך אין איין אפרעדן אויף קלייניגקייטן וואס באדערט, 'דאס איז נישט גוט', 'יענץ איז נישט גוט', זענען מיר גארנישט בעסער פון דעם פרוי...

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן: לאמיר אינאיינעם אנהייבן דאנקען דעם אייבערשטן, לאמיר זאגן 'נִשְׁמַת'. דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן פארזאגן 'נִשְׁמַת כָּל חַי' זייער הארציג, מיט'ן ניגון המיוחס לחסידי אדמו"ר הצמח צדק זצ"ל (וואס דער ראש ישיבה שליט"א זינגט ימים נוראים ביי 'מִמְּקוֹמְךָ'), דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעטייטשט דעם גאנצן נִשְׁמַת אויף אידיש זייער שיין, אינמיטן האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אפגעשטעלט און געזאגט דעם שטיקל: "וְאִלּוּ פִינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָּם", אפילו אויב אונזער מויל וואלט געווען פול מיט לידער אזוי ווי דער ים, "וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה כַּהֲמוֹן

גַּלָּיו", און אונזער צונג מיט געזאנג אזוי ווי זיינע פילע כוואליעס, "וְשִׂפְתוֹתֵינוּ שֶׁבַח כְּמֶרְחֲבֵי רָקִיעַ", און אונזער ליפן וואלטן געלויבט דעם אייבערשטן אזוי ווי די ברייטקייט פון הימל, "וְעֵינֵינוּ מְאִירוֹת כַּשֶּׁמֶשׁ וְכַיָּרֵחַ", און אונזערע אויגן וואלטן געלאכטן אזוי ווי די זון און די לבנה, "וְיָדֵינוּ פְרוּשׂוֹת כְּנִשְׁרֵי שָׁמָיִם", און אונזערע הענט וואלטן געווען אויסגעשפרייט אזוי ווי די אדלערס פון הימל, "וְרַגְלֵינוּ קַלּוֹת כָּאַיָּלוֹת", און אונזערע פיס זאלן זיין גרינג אזוי ווי די אינדן, "אֵין אֲנַחְנוּ מַסְפִּיקִים לְהוֹדוֹת לְךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, וּלְבָרֵךְ אֶת שְׁמְךָ מַלְכֵּנוּ, עַל אַחַת מֵאָלֶף אֶלֶף אַלְפֵי אֲלָפִים וְרִבֵּי רְבָבוֹת פְּעָמִים, הַטּוֹבוֹת נִסִּים וְנִפְלָאוֹת שֶׁעָשִׂיתָ עִם אֲבוֹתֵינוּ וְעִמָּנוּ", קענען מיר נישט גענוג דאנקען דיר באשעפער אפילו אויף א חלק פון די ריזיגע טויזנטער גוטס, נסים און וואונדער וואס דו האסט געטון מיט אונזערע עלטערן און מיט אונז, - האב איך געהערט פון מיין טאטע זאל זיין געזונט [כעת, הגה"צ גאב"ד קארלסבורג שליט"א][א] אז עס איז לכאורה שווער א סְתִירָה, ווייל דא זאגט מען, ווי גרויס מיר זענען, זענען מיר נישט גענוג חשוב צו דאנקען דעם אייבערשטן און קורץ דערנאך זאגט מען ווייטער: "עַל כֵּן אֵבָרִים שֶׁפִּלַּגְתָּ בָּנוּ", דעריבער די גלידער וואס דו האסט איינגעטיילט אין אונז, "וְרוּחַ וּנְשָׁמָה שֶׁנָּפַחְתָּ בְּאַפֵּינוּ", און די רוח און נשמה וואס דו האסט אריינגעבלאזן אין אונז. "וְלָשׁוֹן אֲשֶׁר שַׂמְתָּ בְּפִינוּ", און די צונג וואס דו האסט געלייגט אין אונזער מויל, "הֵן הֵם. יוֹדוּ וִיבָרְכוּ וִישַׁבְּחוּ וִיפָאֲרוּ וִישׁוֹרְרוּ וִירוֹמְמוּ וְיַעֲרִיצוּ וְיַקְדִּישׁוּ וְיַמְלִיכוּ אֶת שִׁמְךָ מַלְכֵּנוּ תָּמִיד", אט זיי טון דאנקען און לויבן דיין הייליגען נאמען שטענדיג, - קומט אויס אז מיר זענען יא ווערד צו דאנקן דעם אייבערשטן, ענטפערט מיין טאטע זאל זיין געזונט: מיר זאגן פאר'ן אייבערשטן, אמת אז מיר זענען טאקע

..............................

[א] דערמאנענדיג זיין טאטען האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך צוזינגען (מיט'ן ניגון): "הייליגער באשעפער ווען איך טראכט פון מיין טאטע, דארט אין בארא פארק לערנט ער ערגעץ ווייט, איך הער נאך זיין קול תורה, איך גדענק נאך די גמרא, די ברוינע בלאט, אזוי זיס געלערנט אויסגעניצט די צייט..."

נישט ווערד דיך צו דאנקען, אבער דאך האסטו אונז געגעבן די זכיה אז מיר קענען דיר דאנקען, און דו הערסט אונז אויס ווען מיר דאנקן דיר, דאס זאגט מען: "עַל כֵּן אֵבָרִים שֶׁפִּלַּגְתָּ בָּנוּ", דו האסט אונז געגעבן די מעגליכקייט דיר צו דאנקען, ווייל עס זענען דיינע גלידער וואס דו האסט איינגעטיילט אין אונז, "וְרוּחַ וּנְשָׁמָה שֶׁנָּפַחְתָּ בְּאַפֵּינוּ", עס איז דיין רוח און נשמה וואס דו האסט אריינגעבלאזן אין אונז. "וְלָשׁוֹן אֲשֶׁר שַׂמְתָּ בְּפִינוּ", עס איז דיין צונג וואס דו האסט געלייגט אין אונזער מויל, דו האסט אונז געגעבן אלע אברים כדי מיר זאלן דיר קענען דאנקען, קומט דאך אויס אז דו ווילסט דאס אז מיר זאלן דיר דאנקען, דערפאר - "הֵן הֵם. יוֹדוּ וִיבָרְכוּ וִישַׁבְּחוּ וִיפָאֲרוּ וִישׁוֹרְרוּ וִירוֹמְמוּ וְיַעֲרִיצוּ וְיַקְדִּישׁוּ וְיַמְלִיכוּ אֶת שִׁמְךָ מַלְכֵּנוּ תָּמִיד", קענען מיר דיר שוין דאנקען און לויבן ווייל דו האסט אונז געגעבן רשות און די זכיה דיר צו קענען דאנקען.

הבחור ... נרו יאיר האט מיר געבעטן איך זאל געבן דעם שיעור פאר זכות ער זאל געהאלפן ווערן צו טרעפן א זווג בקרוב, האף איך אז איר האט געהאט הרהורי תשובה פון דעם שיעור, און מיר אלע האבן זיך פארגענומען אנצוהייבן קוקן אויף דאס גוטס וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז, און אפלאזן אלע טענות און קשיות וואס מען האט אויפ'ן אייבערשטן, וועט דאס זיין א זכות פאר אים ער זאל שוין געהאלפן ווערן און טרעפן זיין זווג בקרוב, און זוכה זיין צו ערליכע אידישע דורות, אמן.